כג אלול תשמ״ג
5.9.83

טײַערער דוד!

אַ גרויסן דאַנק דיר פֿאַר דײַן בריוו און פֿאַר אַלע גוטע ווינטשן.
איך האָב גלײַך טעלעפֿאָנירט אַהרן קלווערן און ער האָט מיר געזאָגט, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער דיר געשיקט אַן אויספֿירלעכן בריוו מיט תשובֿות אויף אַלע דײַנע קשיות. ווי ווײַט מײַן אינפֿאָרמאַציע קען גיין – און דאָס איז ניט אַ סך – איז די זאַך אַזוי: ① ׳די בלײַערנע פּלאַטן פֿון ראָמס דרוקערײַ׳ איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ ׳פֿאַנטאַזיע׳, אָפֿשר אַ חלום. אַ פּאָעט מעג זיך דערלויבן. אויסגיסן בלײַ אין קוילן איז דאָך כּמעט אַן ׳אינדוסטריע׳... דאָס איז אין די באַדינגונגען פֿון געטאָ געווען טעכניש אוממעגלעך. מע פֿלעגט געפֿינען פֿאַבריקע אַמוניציע. סוצקעווער איז פֿול מיט דמיונות, און ניט איין מאָל מישן זיך אוים אויבער מעשׂים־שהיו מיט להד״ם. ~~אַליין~~ אַליין האָב מורא געווען אויב דײַן מינדלעכן באַריכט וועגן מײַן טאַטנס לעבן אין געטאָ – ניט געדרוקט אויב דאָס וואָס ער איז אָפֿשר געווען דער נאָענטסטער עדות. איך האָב מורא פֿאַר דעם געמיש פֿון אמת און פֿאַנטאַזיע. איך דיטער זיך שטעלן פֿאַר אַ נסיון אָנצונעמען עדות צו פֿאַרווערפֿן לעבעדיקע כ״ה. דאָס ווי ווײַט איז אַלץ וואָס איך געגלייבט. ② אויך וויטענבערג איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די אמת פֿראַגע איז, צי איז דאָס געווען זײַן אייגענער באַשלוס, אָדער צו באַפֿעל פֿון דער קאָמוניסטישער ׳פּאַרטיי׳. בײַ די קאָמוניסטן איז ער ניט געווען דער נומ׳ 1, ווי בײַ דער פֿ.פּ.אָ. דער פּאָרטרעט פֿון קינסטלער איז אַ פּאָרטרעט. ווען מע באַצייכנט ׳עקידה׳ האָט מען דאָס רעכט צו טאָן. די ׳עקידה׳ איז ניט געווען יצחקס נסיון, נאָר אַבֿרהמס. איינער פֿון מײַנע לינקע באַקאַנטער פֿון מחניים [איך האָב בכּיוון ניט ׳חבֿרים׳, איך האַלט אים ניט פֿאַר מײַנעם אַ חבֿר = friend – נאָר פֿאַר אַ חבֿר פֿון קיבוץ. member] האָט מיר געזאָגט: ״איך בין ניט געווען מקריב זײַן מײַן זון פֿאַר כּיבוש הגולן!״ האָב איך אים געענטפֿערט בשעתו: ״ביסטו געווען אים מקריב זײַן פֿאַר מחניים?״ דאָס איז דער צו ליגנעריש אויסגעשטעלט. מיר דאַרפֿן ניט קיין דור פֿון אַבֿרהם אבֿינוס קאָליבער. דאָס מאָטיוו ׳עקידה־וויטנבערג׳ איז אַ ליגנערישער

[illegible] Proof texts [illegible]

[illegible] שלום

[illegible]

[illegible] 116 [illegible] ③ [illegible]

[illegible]

sender Shalom Luria השולח
address Kibbutz Merkhavia 19 100 מען
Israel
code מיקוד place יישוב

אין לשים דבר באיגרת אוויר. איגרת שהושם בה דבר תישלח בדרך הים
un aérogramme contenant un objet quelconque sera transmis par voie de surface
an aerogramme containing any enclosure will be sent by surface

איגרת אוויר
דואר אוויר
AEROGRAMME
BY AIRMAIL

israel - the miracle on the mediterranean

Dr. David G. Roskies
244 West 74th Street (6 D)
New York, N.Y. 10023
U.S.A.

ישראל
israel
اسرائيل
ש 11.00

פלצקו. קפלן